# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:09
מוצאי שבת קודש............9:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................דברי הימים-ב ל"א
בבלי.........................חולין מ"ד
ירושלמי...........בבא קמא מ"ב
תוספתא...............כתובות י"ב
רמב"ם.........................שבת כ"ג

פרשת שלח, מברכים חודש תמוז, כ"ח סיון, אבות פרק ג', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 36 (755)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַּארְקֶערְט, ווִי גְרֶעסֶער דֶער צַדִּיק אִיז אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט. דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת; פַּארְקֶערְט, טַאקֶע וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזָאגְט, וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן הִימְל, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַז פוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּ'ין: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הַאלְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ צוּרִיק פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן וַוייל עֶר מֵיינְט אַז וֵוייניג אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אוּן ווִיבַּאלְד עֶר קֶען נִישְׁט טוּן קַיין סַאךְ טוּט עֶר גָארְנִישְׁט. אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט אַז "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב" פְּרוּבִּירְט מֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן וָואס מֶען קֶען; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זָאגְן תְּהִלִים, אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן 'יוֹם תְּהִלִים'. אוּן וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִלִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס עֶנְדִיגְן. קֵיינֶער הֵייסְט דִיר נִישְׁט עֶנְדִיגְן תְּהִלִים, נָאר זָאג תְּהִלִים - אֵיין קַאפִּיטְל נָאכְן צְוֵוייטְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, חַזֶר דִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אַלֶעס אִיז עֶר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר – אַלֶעס אִיז עֶר, עֶס וֶועט מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פַּאסִירְן וַוייל אִיךְ לִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט, אִיז פַארְוָואס בִּין אִיךְ פַאר'דַאֲגָה'ט? פַארְוָואס זָארְג אִיךְ זִיךְ? עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים, אוּן עֶר וֶועט מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר".

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ "דַאנְקֶען שְׁפַּאצִיר", בַּיי דֶעם שְׁפַּאצִיר זָאלְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַאר יֶעדֶע אֵבֶר וָואס דוּ הָאסְט, אוּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, רֶעכְן אוֹיס יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְהֵייט בַּאזוּנְדֶער; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ, שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת, וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: מאנטאג צופרי 46 מינוט און 16 חלקים נאך 6 | ראש חודש תמוז יהיה ביום השני ולמחרתו ביום השלישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מִיט לִיבְּשַׁאפְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בְּא"י), כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מַאךְ שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זַיי קְלוּג אוּן גֶעבּ נָאךְ.

אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אִין שְׁטוּבּ – עֶפְנְט עֶס דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן".

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אִין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוְונֶען הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג זֶענֶען מִיר גֶעזִיצְן אִין פֶעלְד אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי, הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", זַיין בַּיי מִיר שַׁבָּת אִיז מֶער אוּן גְרֶעסֶער וִוי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט דָאס גֵייט אָן עַד הַיּוֹם, וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן – דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי, מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען אִיר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן אוּן גֶעזוּכְט וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען דֶערְפוּן, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, אִיר וָואלְט אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי שִׂיחָה וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן תקפז), אֵיינֶער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּם רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט צְוֵוי זַאכְן, אֵיינְס אַז עֶר מוּז הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, עֶר זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען, אוּן צְוֵוייטְנְס עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ חֶשְׁבּוֹן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיפְן טָאג וָואס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן בֶּעטְן מֶען זָאל מָארְגְן הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע טָאג.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי צְוֵוי נְקוּדוֹת, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים; דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ; שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה, אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן אִישׁ כָּשֵׁר, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

לו. מִי שֶׁמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, נִצּוֹל מִבֵּית הָאֲסוּרִים. וֶוער עֶס מַאכְט מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן תְּפִיסָה. לז. גַּם הוּא מְכֻבָּד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם. אוֹיךְ אִיז עֶר מְכוּבָּד אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לח. גַּם זוֹכֶה לִהְיוֹת מְפֻרְסָם בֵּין הָאֻמּוֹת. אוֹיךְ וֶוערְט עֶר בַּאוואוּסְט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵוויי קִינְדֶער - זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, זַיין חַבֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם חַבֶר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה?" הָאט אִים זַיין חַבֶר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִלִים. נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֶר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן וִוידֶער גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ מִיט בְּכִיּוֹת אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל אוֹיס מַיין חַבֶר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֶר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ"; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים, אוּן נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֶר, בִּיז דֶער חַבֶר אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט. אוּן אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַז נִישְׁט, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ - אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ח)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רנא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וואוּ עֶס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן דִי סְפָרִים פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים**

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן; עֶס זֶענֶען דָא בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִּיקִים, אוּן זֵיי וֵוייסְן פְּשָׁטִים אִין דִי תּוֹרָה, זֵיי דַארְפְן אָבֶּער בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיטְ'ן בַּעַל דַּרְשָׁן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעפָארְן קַיין בְּרָאד אוּן עֶר אִיז דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ גְבִיר, עֶס זֶענֶען גֶעזֶעסְן דָארְט בַּיים טִישׁ פִילֶע חֲשׁוּבֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען לְכָבוֹד דֶעם צַדִּיק, אוּן דָארְט פוּן אוּנְטְן בַּיים טִישׁ אִיז גֶעזֶעסְן אַ בַּעַל דַּרְשָׁן, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְצוּפָארְן פוּן

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

פְלַאץ צוּ פְלַאץ צוּ זָאגְן דְרָשוֹת, אוּן דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶעגֶעסְן זֵייעֶר אַסַאךְ.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעזֶען, אוּן מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶערְצוּהַאלְטְן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ עֶסְן כְּדֵי חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן אִים, אוּן דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים נָאר דֶערְלַאנְגְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ שְׁטִיקְל פִּיש וָואס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ גֶענוּג פַאר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ עֶסְן, הָאט עֶר אַלֵיין גֶעגֶעסְן צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ דֶערְפוּן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי זוּפּ הָאט עֶר אַלֵיין אוֹיפְגֶעגֶעסְן אַ גַאנְצְן שִׁיסְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי דִי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים הָאט מֶען אִים אַלְץ דֶערְלַאנְגְט אַסַאךְ עֶסְן, מִיטְ'ן צִיל צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן אִים, זֶעעֶנְדִיג וִוי סַאךְ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶסְן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעמֵיינְט מִיט לֵיצָנוּת, אַז עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען זָאגְן תּוֹרָה בַּיים טִישׁ וואוּ עֶס זִיצְט אוֹיבְן אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין תְּמִימוּת, עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה, אוּן דִי חֶבְרֶה הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן מִיט אִים.

דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען לַאכְט אִים אוֹיס וַוייל עֶר עֶסְט אַסַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה, טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אַ שְׁטִיקְל פִּיש ? !".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּאמֶערְקְט אוּן גֶעזֶען וָואס דָארְט גֵייט פָאר בַּיים עֶק טִישׁ, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי תּוֹרָה פוּן דֶעם בַּעַל דַרְשָׁן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דֶער בַּעַל דַרְשָׁן זָאגְט נָאךְ תּוֹרָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַ שְׁמֵייכְל, עֶס אִיז אִים שְׁטַארְק גֶעפָאלְן דָאס וָואס דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרָה, טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן אַ שְׁטִיקְל פִּישׁ ? !", וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס עֶסְן פוּן אַ צַדִיק אוֹיךְ תּוֹרָה, בַּיי יֶעדְן בִּיס אִיז עֶר מְיַחֵד הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע יִחוּדִים, עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַזוֹי וִוי זַיין תּוֹרָה אִיז בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דֶערִין, אִיז דִי זֶעלְבֶּע בַּיי זַיין עֶסְן, עֶר עֶסְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת, אָבֶּער מִיט אַ דְבֵיקוּת אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע יִחוּדִים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אַז בַּיי דֶעם אִיז זִיכֶער אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם, אוֹיךְ דָאס עֶסְן פוּן דֶעם בַּעַל דַרְשָׁן אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה, אוּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעשְׁפִּירְט.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט אַז בַּיי אִים אִיז אוֹיךְ דָא אַמָאל אַז עֶר וֵוייסְט אַ פְּנִים אִין דִי תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט אַ פְּשַׁט אִין דִי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר דַארְף עֶס בַּאהַאלְטְן אוּן עֶר זָאגְט עֶס נִישְׁט, צוּמָאל שְׁרַייבְּט עֶר עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אַרָאפּ אוּן צוּמָאל שְׁרַייבְּט עֶר עֶס אַרָאפּ אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְט עֶס, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט אַ לֶענְגֶערֶע תּוֹרָה, וָואס מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# פַארְגֶעסְן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער ?

*שְׁאֵלָה :*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן הִתְחַזְקוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ ה' אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר, אִיךְ פְלֶעג כְּסֵדֶר הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז אַלְס בָּחוּר גְרֵייט מֶען אָן אֵיין נֶעגְל וַואסֶער, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה גְרֵייט מֶען אָן צְוֵויי, אוֹיךְ פַאר דִי וַוייבּ. בָּרוּךְ ה' אַז מַיין וַוייבּ קוּמְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן זִי פְלֶעגְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אַלְס מֵיידְל, אָבֶּער זַייט מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט גְרֵייט אִיךְ אִיר אָן יֶעדֶע נַאכְט נֶעגְל וַואסֶער.

עֶס אִיז אָבֶּער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַז מַיין וַוייבּ הָאט כִּמְעַט פַארְגֶעסְן פוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אַלֵיין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל יֶעדֶעס יָאר נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט זִי מִיר אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט קַיין אֵיין נַאכְט אָנְצוּגְרֵייטְן, אָדֶער אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַז אִיךְ בִּין צוּ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן אִיךְ בֶּעט אִיר אָנְצוּגְרֵייטְן, וֶועט זִי פַארְגֶעסְן ; וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דֶעם ?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה :*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (שְׁלַח בְּא"י), י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מַקְפִּיד אוֹיף אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, אַז אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ קֶענֶען הֵיילִיגְן מִיט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵק אִין שְׁטוּבּ דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אוֹיךְ וַואשְׁן בַּיים בֶּעט נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט בֶּעפָאר מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן וֶוער עֶס גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ה): "**יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס**", דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מַמָשׁ יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער סְטֵייפְלֶער גָאוֹן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי ?" דִי פְרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר ? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט ; וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, מְמֵילָא אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיינְס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת ?" זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

(חֵלֶק ב׳, סִימָן ל״ב), אוּן דָארְט וֶוערְט זֵייעֶר קְלָאר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן עֶרְקְלֶערְט דֶעם תֵּירוּץ אוֹיף דִי קַשְׁיָא פוּנֶעם טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד, אוּן אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה פַארְוָואס פּוּנְקְט פַארְ׳ן מַגִּיד אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען דִי קַשְׁיָא.

**תתטו**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן אוֹיפְ׳ן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיין אֵיידֶעם ר׳ יִצְחָק, וָואס הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן ש״ס), זַיין אֵיידֶעם הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי שְׁוִויגֶער אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״אַנְשְׁטָאט זִיךְ נָאכְצוּפְרֶעגְן אוֹיף זֵיי, פְּרֶעג מִיר עֶנְדֶערְשׁ פוּן וואוּ אִיךְ קוּם יֶעצְט! אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן בְּרֶסְלֶב, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים אוּן קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְן דֶערוֹיף קַיין רִיכְטִיגְן עֶנְטְפֶער, אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶער תֵּירוּץ, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה, וָואס בִּשְׁעַת׳ן זָאגְן דִי תּוֹרָה הָאט אִיךְ גֶעזֶען אוּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי פוּנְקֶען פֵייעֶר קוּמֶען אַרוֹיס פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל, עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אַז אַזַא הֵיילִיגֶע רוּחְנִיּוּת׳דִיגֶע פֵייעֶר, אַזַא אָפֶענֶע אֱלֹקוּת, קֶען מֶען גָאר נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר, אוּן וִוי וואוּנְדֶערְלִיךְ אִיז מִיר גֶעוֶוען צוּ זֶען צוּמָארְגְנְס וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן רֶבִּי נָתָן קוּמְט צוּ גֵיין אוּן עֶר בְּרֶענְגְט דִי תּוֹרָה אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן מִיט טִינְט אוֹיף פַּאפִּיר״.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# א נייע וועלט פון חיזוק:
# "אביסל פון אלעס" אויף קול ברסלב

די "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע איז שוין היינט ברייט באקאנט ביי יעדן, עס דינט אלס א קוואל פון חיזוק פאר צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גאנצער וועלט. עס ווערט היינט אנגעפירט דורך מו"ה משה עקשטיין הי"ו, וואס ארבעט אומאויפהערליך צוצושטעלן דאס בעסטע און דאס שענסטע פאר די צוהערער. אין די לעצטיגע צייט האט ער געעפנט א פרישע הערליכע אפטיילונג פון וואס אלע רעדן. די נייע אפטיילונג געפינט זיך אויף עקסטענשאן 1-7 און טראגט דעם נאמען: "אביסל פון אלעס".

נישט יעדער און נישט שטענדיג האט מען די צייט אדער דעם קאפ אויסצוהערן א גאנצע דרשה אדער א לאנגע אינטערוויו פון א שעה צייט. אבער דאך וויל מען נישט פארפאסן די שיינע שטיקלעך חיזוק וואס קענען צומאל ליגן אינמיטן א לאנגע שמועס – א שטארקע ליין אדער א גוטווארט וואס קען געבן חיות פאר א מענטש, אים שענקען פרישע כוחות, אדער אויפלעבן זיין טאג. דערצו זענען פארהאן הונדערטער אלטע שיעורים און דרשות פון די פארגאנגענע יארן – ווי למשל א הערליך ווארט אויף די פרשה אדער די צייט פון יאר וואס דער ראש ישיבה שליט"א אדער מוהרא"ש ז"ע האבן געזאגט מיט עטליכע יאר צוריק – וואס ליגן באהאלטן אין די ארכיוון און זאמלען שטויב, פשוט ווייל מ'ווייסט נישט וואו זיי צו זוכן.

פאר דעם צוועק האט זיך געעפנט דער נייער אפטיילונג. אונזער געטרייער עורך פון קול ברסלב, מו"ה משה עקשטיין הי"ו, נעמט די ארבעט פון פירן דעם האטליין מיט א געוואלדיגער ערנסטקייט. ספעציעל פאר דעם אפטיילונג זוכט ער און נישטערט ארום אפירצוזוכן די שענסטע און אינטערעסאנטסטע נקודות, און לייגט עס ארויס פאר'ן ציבור צו הערן און הנאה האבן, איין שטיקל נאכ'ן צווייטן.

דער פארמאט פונעם אפטיילונג לויפט אויף אן אופן אז די שטיקלעך פארן איינס נאכן אנדערן אן קיין שום הקדמות און אן קיין קעפלעך. מען וועט נישט הערן קיין שום אריינפיר ווי למשל "יעצט גייט מען הערן א שיעור פון שנת תשפ"א". דאס מאכט עס גאר שטארק צוגעפאסט פאר איינעם וואס וויל אויסהערן עפעס קאלירפול אינמיטן די ארבעט אדער בשעת'ן דרייוון; מען רופט אריין צו קול ברסלב, און מען קען הערן שעה'ן לאנג קליינע זיסע פנינים און קרישקעלעך – די סמעטענע פון אלע אפטיילונגען פון קול ברסלב. און אויב מען טרעפט א שטיקל וואס רעדט נישט צו מיר, דארף מען בלויז דרוקן דעם # קנעפל און עס גייט גלייך צום קומענדיגן שטיקל.

אריינבליקנדיג אינעם אפטיילונג זענען מיר געבליבן שטוינען פונעם רייכן אינהאלט, א ממשות'דיגער "גן עדן התחתון" פון תענוג רוחני. אט איז א קליינע ליסטע פון די סארט שטיקלעך וואס מיר האבן דארט באגעגנט: פארשידענע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פאר די בחורים, ווי סיפורי מעשיות, נ"ך, ספר המדות, ליל שישי שמועסן, חינוך און נאך. מען הערט דארט ווי דער ראש ישיבה זינגט מיט די בחורים הארציגע ניגונים אדער א ניגון פון איינע פון די סידים, א מעסעדזש פונעם ראש ישיבה, מען ליינט פאר א שטיקל פון א בריוו פונעם ראש ישיבה מיט עצות פארן לעבן, מעשה'לעך פאר קינדערלעך, שטיקלעך פון אינטערוויוס אויף "קול ברסלב", און אפהאנדלונגען ווי למשל פון די "ברסלב'ע ברודער". אויך זענען דא פנינים און אויסצוגן פון דרשות פון מוהרא"ש ז"ע, פול מיט עצות און הדרכה למעשה.

ר' משה לייגט אריין א געוואלדיגע ארבעט, אבער ער בעט אז דער עולם זאל אים ארויסהעלפן. אויב איר הערט עפעס אויפן ליין, סיי וואו עס זאל נאר זיין, א קרעמל שמועס, אן אינטערוויו, א דרשה (אפילו א דרשה וואס ליגט שוין יארן אויפן סיסטעם), און איר טרעפט א גוט שטיקל חיזוק וואס האט אייך דערקוויקט דאס הארץ, ביטע לאזט א מעסעדזש אויף נומער 9 אינעם אידישן מעניו. ביטע געבט איבער פונקטליכע פרטים וואו דאס שטיקל געפינט זיך, כדי נאך אידן זאלן קענען הנאה האבן דערפון. די נומערן פון "קול ברסלב" זענען ביים סוף פונעם גליון.

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף זינגער** הי"ו סטעטן איילענד
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

החתן **ישראל מרדכי פיש** הי"ו בארא פארק
בן מו"ה **יואל משה יצחק** ע"ה
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת**
מו"ה **שמעון לעווי** הי"ו סטעטן איילענד

***

מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון**
החתן **פישל ברוין** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **וואלף שטערן** הי"ו סטעטן איילענד

***

מו"ה **חיים דוד ראזענבערג** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א קרית ברסלב
מנהל תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
**צו די אפשערן פון זיין זון שלמה גבריאל נ"י למז"ט**

***

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון אברמי נ"י למזל טוב**

# שאלות ותשובות

**דער ראש ישיבה שליט"א שמועסט אויס אינטערסאנטע שאלות וואס בחורים האבן אריינגעשיקט, און געבט די קלארע ענטפערס**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 3**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >